**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/23/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו פארלאנגען יערליכע בעריכט אויף סובסטאנץ באניץ אומארדענונג צווישן איינגעשפארטע מענטשן**

***לעגיסלאציע (S2209/A540) פארלאנגט פון 'אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע' צו אפדעיט'ען אירע אנווייזונגען פאר קארעקשענעל סובסטאנץ באניץ אומארדענונג באהאנדלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S2209/A540) וואס פאקסירט אויף אפדעיט'ען די אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע אנווייזונגען אויף סובסטאנץ באניץ באריכטן, צו פארלאנגען מער באריכטן בנוגע די מערסט אפטע באניצטע סובסטאנצן ווי אויך די באהאנדלונג וואס מענטשן באקומען. עס וועט אויך פארלאנגען יערליכע באריכטן פון סטעיט קארעקשענעל איינריכטונגען.

"ניו יארקער וואס ראנגלען זיך מיט עדיקשען דארפן אונזער הילף און שטיצע בשעת זיי גייען אריבער דער פראצעס פון ערהוילונג," **האט געזאגט גאווערנער האקול.** "אויסער די לעגיסלאציע וועלן מיר האבן א בעסערע פארשטאנד אויף וואס די איינגעשפארטע מיט סובסטאנץ באניץ אומארדענונג שטייען אויס — וועלכס וועט אונז געבן די קריטיש-וויכטיג געצייג פארצוזעצן דאר קאמף קעגן דעם אפיאוד קריזיס."

די לעגיסלאציע וועט אריינגעמען געוויסע דאטע פונקטן פאר די באריכטן, ווי צום ביישפיל וואספארא סובסטאנצן איינגעשפארט מענטשן ניצן מערסט אפט, די באהאנדלונגען פארהאן פאר די סובסטאנצן, וויפיל מענטשן באקומען די סארט באהאנדלונגען, ביי וועלכן פונקט פון זייער איינשפארן זיי הייבן אן באקומען באהאנדלונג, וויפיל מענטשן זענען ארויסגעלאזט געווארן פון די באהאנדלונגען, די סיבות פאר'ן ארויסלאזן, און וואספארא דיסטשאַרדזש איז פארבינדן מיט דראג באניץ אדער סאָליטערי קאָנפיינמענט. דער ביל גייט תיכף אריין אין קראפט.

**סענאטאר לואיס סעפולוועדא האט געזאגט**, "דעם חודש האט גאווערנער קעטי האקול אונטערגעשריבן א פעקעדזש אָפּיאָיד בילס געצילט צו רעדוצירן דראג-פארבינדענע אָווערדאָס טויטפעלער לענגאויס ניו יארק סטעיט און דערמוטיגן די וועלכע ליידן פון עדיקשען צו זוכן הילף מיט זייער ערהוילונגס פראצעס. היינט האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן מיין ביל, S2209, אלס געזעץ, וועלכס פארלאנגט פונ'ם אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע צו אפדעיט'ען אירע אנווייזונגען פאר קארעקשענעל סובסטאנץ באניץ אומארדענונג באהאנדלונג אין איינקלאנג מיט די בעסטע געפירעכצער און וועט פארלאנגען יערליכע באריכטן פון דאטע אויף די סובסטאנצן וואס איינגעשפארטע מענטשן זענען צום מערסט עדיקטעד, און וואספארא באהאנדלונג זיי באקומען. די דאזיגע דאטע וועט אריינגעמען די סובסטאנצן איינגעשפארט מענטשן ניצן מערסט אפט. עס וועט אונז העלפן פארשטיין וויפיל מענטשן באקומען באהאנדלונג און וויאזוי דער סטעיט קען צושטעלן בעסערע סערוויסעס בשעת'ן זיין איינגעשפארט כדי אז ווען זיי קומען אן אהיים קערן זיי זיך נישט צוריק צו דראג אדער אפיאוד באניץ, און האפנטליך זיי היילן פון זייער עדיקשען צו ווערן מער פראדוקטיווע מיטגלידער פון די געזעלשאפט. עס איז הענכסט-נייטיג צו הענכערן באוואוסטזיניגקייט איבער די אפיאוד קריזיס נישט נאר אינדרויסן פון די קארעקשענעל איינריכטונגען נאר אויך אינעווייניג. איך וויל דאנקען אסעמבלי-מיטגליד לינדע ראזענטאל פאר אומערמידליך ארבעטן אויף די לעגיסלאציע מיט מיין אפיס. איך טוה אויך אפלאדירן גאווערנער האקול פאר פארשטיין די וויכטיגקייט פון העלפן איינגעשפארטע ניו יארקער."

**אסעמבלי-מיטגליד לינדע בי. ראזענטאל האט געזאגט**, "אויף צו פארזיכערן אז מענטשן וואס זענען איינגעשפארט באקומען טאקע די סובסטאנץ באניץ אומארדענונג באהאנדלונג און העלטקעיר וואס זיי דארפן און

וואס קומט זיך זיי, וועט דער דאזיגער נייער געזעץ פארלאנגען פון OASAS איינצופירן אן אויספירליכע אויפזיכט און שטארקע באריכט פראגראם. סובסטאנץ באניץ אומארדענונג איז א פראבלעם וואס פלאגט מענטשן אין יעדער קאמיוניטי פון דער סטעיט, און עס איז אין ערגעץ נישט מער אנזעהבאר ווי אין אונזערע טורמעס און דזשעילס וואו ביז 80 פראצענט פון איינגעשפארטע מענטשן באקעמפן עדיקשען. מיט דער מאסנאם, א מיטגייער צו דער נייער געזעץ וואס פארלאנגט מעדיציניש-געהאלפענע באהאנדלונג פאר די אין טורמעס און דזשעילס, וועט ניו יארק סטעיט באקומען דייטליכע באריכטן אויף די יעצטיגע געברויכן פאר סובסטאנץ באניץ אומארדענונג באהאנדלונג, אונז צו ערמעגליכן צו אלאקירן די נויטיגע רעסאָרסן צו פארזיכערן אז יעדן׳ס געברויכן זענען צוגעשטעלט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר אונטערשרייבן די בילס אלס געזעץ איינצופירן באוווייז-באזירטע צוגאנגען צו סובסטאנץ באניץ אומארדענונג."

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418